# זכר מלמדים לברכה

לעכטיגע זכרונות, הדרכות און הנהגות פון אונזערע אַמאָליגע געהויבענע מלמדים זכרונם לברכה
**שמואל שלמה טעללער**, קרית יואל

**טייערע אנ"ש חברי "אהבת קדומים"**
ביטע רופט אַריין 845.783.0735
**און גיבט איבער זכרונות פון אייערע אַמאָליגע מלמדים**
לאָזט אויך איבער אייער נאָמען און טעל. נומער אַז מיר זאָלן אייך קענען צוריקרופן אויב ס'פעלט אויס
**מיט דאַנק פון פאָראויס – וזכות הרבים תלוי בכם**



## א
## הרב החסיד המרומם רבי יקותיאל זלמן בינער זללה"ה
**מרביץ תורה ומנהל רוחני במוסדות סאטמאר**

*אז מ'רעדט פון אונזערע געהויבענע מלמדים זכרונם לברכה, ווי קען מען ארויסלאזן דעם באריכמטן מחנך נפלא, דער מלמד פאר צענדליגער יארן, דער געהויבענער מנהל רוחני, הרב החסיד המפורסם רבי יקותיאל זלמן בינער זכרונו לברכה.*

*ר' זלמן בינער ז"ל איז פאר לאנגע יארן געווען א שם דבר פון א בעל מחנך נפלא, אן עוסק במלאכת שמים באמונה, און ער האט זוכה געווען אז טויזנטער קינדער, ילדי תשב"ר זענען דורך אים נתחנך געווארן אויף א זעלטענעם פארנעם.*

*ר' זלמן איז געווען באקאנט מיט זיין פייער און ברען לכל דבר שבקדושה, און דעם התלהבות און געהויבנקייט האט ער אריינגעברענגט צווישן די יונגע קינדער. אידן וועלכע זענען שוין היינט אין די מיטעלע יארן און נאך עלטער, בענקען זיך ביזן היינטיגן טאג צוריק צו די יארן וואס זיי זענען נתחנך געווארן אונטער ר' זלמן בינער ז"ל.*

*ר' זלמן ז"ל איז כל ימיו געווען א דמות דיוקן פון אן אלט-פארצייטישער איד, א טיפ פונעם אמאליגן אידנטום, און פון זיין ווועזן האט אראפגעשיינט דער חן של מעלה פון דעם פריערדיגן דור אידן חסידים ואנשי מעשה. ער האט קיינמאל נישט געלעבט פאר זיך, און שטענדיג איז ער געווען גרייט זיך אוועקצוגעבן פאר אנדערע. דאס האט זיך אנגעזען ביי זיין זעלטענעם געטריישאפט צו זיינע תלמידים, און זיין זיך גענצליך אוועקגעבן פאר די הצלחה פון די אלפי תשב"ר וועלכע זענען דורך אים נתחנך געווארן. די אלע מלמדים וועלכע האבן געדינט אלס מחנכים אונטער אים, האבן אין אים געזען א דמות דיוקן ווי אזוי עס דארף אויסזען א מלמד פאר קינדער.*

## מבית אבא

דין רפיש מדבית אבא, האט ר' זלמן ז"ל איינגעזאפט אין זיך דעם חינוך פון קינדווייז אן, ווען ער איז אויפגעצויגן געווארן אין א שטוב וואס דער גאנצער מהות איז געווען בלויז 'א צווייטער'. ביי זיי אין שטוב האבן זיך שטענדיג געדרייט אן א צאל אורחים, און אלע בני משפחה זענען געווען פארטון מיט פעולות של חסד לטובת אחרים אן קיין שיעור, וואס דעם דרך האט ר' זלמן ז"ל אנגעהאלטן זיין גאנץ לעבן.

רבי זלמן ז"ל איז געבוירן געווארן שבת שובה ג' תשרי שנת תרע"ה אינעם דארף סילאזשי וואו זיינע עלטערן האבן דעמאלט געוואוינט.

ער איז געווען א זון פון הרב הצדיק רבי חיים משה בינער זצ"ל, וועלכער איז א קורצע צייט נאכדעם וואס ר' זלמן ז"ל איז געבוירן געווארן, אויפגענומען געווארן אלס דער מורה צדק לעדתו און שו"ב ביי די חסידישע עדה אין די שטאט קארלסבורג. רבי חיים משה זצ"ל איז געווען באקאנט אלס איש צדיק תמים, א געוואלדיגער ענוותן ושפל ברך, און אן אויסערגעוועהנליכער בעל צדקה, און ער האט געגאסן פון גרויס הערצה פון די חסיד'ישע אידן אין די שטאט און פון פילע גאו"צ זצ"ל.

באזונדער האט ער געגאסן פון א געוואלדיגע הערצה פון הרה"ק מנאסאד זצוק"ל. דער נאסאד'ער רב זצוק"ל האט געהאט דרכו בקודש פיל ארומצופארן איבער די שטעט און דערפער. אין די צייטן ווען ער האט געוויילט אין קארלסבורג, האט ער שטענדיג געהאט זיין אכסניא אין שטוב פון רבי חיים משה. שטענדיג ווען דער נאסאד'ער רב האט שוין געוואלט פארלאזן די שטאט, האט ער געזאגט אז ער קען נאכנישט אוועקפארן צוליב זיין חביבות והערצה צו רבי חיים משה זצ"ל.

## פון די ל"ו...

הרה"ח המפורסם ר' יודא'לע ווייס ז"ל וועלכער האט זוכה געווען משמש צו זיין בקודש ביים נאסאדער רב זצוק"ל האט פארציילט אז ער האט כמה פעמים געהערט פונעם נאסאדער רב אז ר' חיים משה איז פון די ל"ו צדיקים שבדור!, אויך האט דער נאסאדער רב זיך אויסגעדרוקט אויף אים אז מלאכי השרת האלטן אים אונטער דעם חלף!

ר' חיים משה זצ"ל האט געהאט א בית פתוח לרווחה, ביי אים אין שטוב פלעגן זיך די חסיד'ישע אידן אין די שטאט צוזאמקומען יעדן פרייטאג צונאכטס וואו מען האט געלערנט אור החיים הקדוש, און מען האט דערנאך מרבה געווען בשירות ותשבחות פאר השי"ת מיט גרויס דביקות, און אזוי איז ער געווען דער גאנצער מנהיג העדה פון די חסיד'ישע אידן אין די שטאט.

אין דעם געהויבענעם שטוב איז ר' זלמן ז"ל אויפגעצויגן געווארן, וואס דאס האט זיך דערקענט אין אים זיין גאנץ לעבן. פון קינדווייז אן איז ר' זלמן ז"ל אויפגעצויגן געווארן מיט דעם מדת החסד והרחמים. ר'



**מרן רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע ביי אן אפשערן פאר אן אור אייניקל. לינקס שטייענדיג זעט מען ר' זלמן ז"ל**

זלמן ז"ל האט פארציילט ווי אזוי ער האט פון זיין פריער יוגנט צוגעזען וואס עס הייסט חסד פאר אנדערע.

איינמאל ווען זיי האבן גארנישט געהאט אין שטוב האט אים זיין מאמע געשיקט בעטן געלט פון זיין טאטן אויף צרכי שבת. ווען ער איז געקומען צו זיין טאטן האט ער זיך מתחכם געווען, און געזאגט פאר זיין טאטן אז א משפחה פון פיר קינדער דארפן פאר צרכי שבת, האט ר' חיים משה תיכף ארויסגענומען געלט און אים דאס אהין געגעבן.

נאכדעם האט אים ר' זלמן פארציילט אז ער זעלבסט איז אויך א קינד פון די משפחה פאר וועמען ער האט איצט געגעבן געלט... און ר' זלמן האט אים געפרעגט פארוואס פאר זיי קומט זיך נישט סתם אזוי קיין געלט אויף צרכי שבת, האט אים ר' חיים משה זצ"ל געענטפערט מיט א פשטות, אז ער איז א זון פונעם שוחט און פאר זיי וועט מען נאך געבן אויף בארג, אבער די אנדערע עניים וועלן פשוט נישט האבן וואס צו עסן. אזוי ווייט איז געגאנגען זיין מדת החסד.

ר' זלמן פלעגט זאגן, אז אלס קינד האט ער זיך דאס כסדר געוואונטשן, אז ער זאל קענען זיין אן אורח ביי א צוויטן... זעענדיג אז די אורחים ביי זיי האבן כל טוב וטוב, האט ער פארשטאנען אז נישט אנדערש, נאר אורחים באקומען אלץ דאס שענסטע און בעסטע. ער פלעגט פארציילן, אז פיל מאל ווען עס זענען אנגעקומען צו זיי אורחים מער ווי געראכטן, און דאס איז נישט געווען קיין אויסנאם פאל... האבן די אורחים געגעסן די מאכלי שבת וואס איז געווען צוגעגרייט, און זיי די קינדער האבן ביי די שבת'דיגע סעודות געגעסן שווארץ ברויט און קאווע.

היינו דאהני לי אויף די שפעטערע יארן...

## הוי גולה למקום תורה

אלס יונג קינד האט ר' זלמן ז"ל געלערנט אין די תלמוד תורה אין קארלסבורג, וואו ער האט געוואוינט אין זיינע יוגנט יארן. ער האט דארט געלערנט אין די ישיבה פון כ"ק **אדמו"ר מספינקא רבי נחמן כהנא** זצ"ל, וועלכער האט שפעטער געוואוינט אין בני ברק. דארט האט ער זיך מצטיין געווען בלימודו מיט גרויס התמדה, און ער האט זיך דארט קונה שם געווען מיט זיינע מדות טובות ונעלות וואס האט אים באגלייט זיין גאנץ לעבן.

שפעטער אלס יונגער בחור איז ר' זלמן ז"ל געפארן לערנען קיין דיעריעש, וואו ער האט געלערנט אין די ישיבה פון הגאון הצדיק המפורסם רבי **יקותיאל יהודא ראזענבערגער** זצ"ל בעל שו"ת תורת יקותיאל, און ער האט דארט ווייטער ממשיך געווען מיט זיין התמדה רבה ויתירה. ער האט דארט קונה שלימות געווען אין פילע מקצועות התורה, און זיין גאנצע חיות איז געווען קונה צו זיין נאך און נאך בדרכי התורה, יראת שמים וחסידות.

ר' זלמן ז"ל האט מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה, און ער איז געפארן לערנען קיין דעעש, וואו ער האט נאך זוכה געווען צו קענען הגה"ק **בעל כנסת יחזקאל מדעעש** זצ"ל. שפעטער איז ער אריין לערנען אין די ישיבה אין די שטאט, וואו ער איז געווען א תלמיד פון הגאון הצדיק רבי **יעקב אלימלך פאנעט** זצ"ל אבד"ק ואדמו"ר דעעש.

שפעטער נאך א שטיק צייט איז ר' זלמן ז"ל געפארן לערנען קיין טאשנאד, וואו ער האט געלערנט אין די בארימטע ישיבה פון **הגה"ק רבי מרדכי בריסק זצ"ל אבד"ק טאשנאד**. ר' זלמן ז"ל איז דארט געווען פון די מצויני התלמידים, זייענדיג באקאנט אלס מתמיד עצום וגריס באורייתא תדירא. יומם ולילה האט ער עוסק געווען בתורה מיט פלייס און חשק, און עס איז געווען כתר שם טוב עולה על גבו. מען האט געזען ביי ר' זלמן ז"ל ווי די תורה הקדושה איז אור לנתיבתו, און ער איז געווען אן איידעל'ער בחור, מלא מדות טובות, ושם שמים מתאהב על ידו.

ער האט דארט אין טאשנאד מקיים געווען דעם "והוי מתאבק בעפר רגלם של תלמידי חכמים". ער איז דארט געווען דבוק ומקושר צו זיין גרויסן רבי'ן דער **מהר"ם בריסק** זצ"ל, און ער איז געווען פון זיינע נאנטסטע תלמידים. זיין רבי האט אים אויסערגעוועינליך מחבב און מעריך געווען, און בכל עת מצוא האט ער אים ארויסגעצייגט אותות יקר וכבוד. זיין רבי האט אים ממנה געווען אלס יד ימינו, און צו יעדע צייט איז ער געשטאנען גרייט פאר זיין רבי'ן כעבדא קמי מרא, אויסצופירן אלע זיינע בקשות.

שוין פון זיין יונגער יונגט האט זיך ביי ר' זלמן ז"ל ארויסגעזען זיין לב טוב, און ער האט דארט אין טאשנאד אנגעפירט א קיך פאר די ארעמע בחורים אין די ישיבה, פאר וואס ער האט צוזאמגעשטעלט גרויסע סכומים, אז די בחורים זאלן האבן צו עסן בריווח, צו האבן כוחות צו קענען עוסק זיין בתורה ועבודת השי"ת.

ער האט אין יענע יארן זוכה געווען צו קענען פילע צדיקים פון פריערדיגן דור. ער פלעגט דערציילן ווי אזוי ער האט אלס בחור געהאט די זכי' משמש בקודש צו זיין ביי די צוויי הייליגע ברודער, די יונגסטע קינדער פון מרן הרה"ק בעל **דברי חיים** מצאנז זי"ע, הגה"ק רבי **ישעי' מטשחויב** זי"ע און הגה"ק רבי **שלום אליעזר מראצפערט** זי"ע.

ער איז באזונדער געווען דבוק ומקושר אין יענע יארן צו מרן **רביה"ק מסאטמאר** זי"ע, צו וועמען ער פלעגט כסדר פארן נסיעות קיין קראלי און דערנאך קיין סאטמאר. ער האט זינט דאן אנגעהאלטן מיט זיין קשר אמיץ וחזק ביז צו זיינע לעצטע יארן.

פאָרזעצונג קומט אי"ה